ספרי׳ – **אוצר החסידים** – ליובאוויטש

---

קובץ
שלשלת האור

היכל
שמיני

שער
שלישי

## שיחת

# ש״פ ראה תרצ״ב

•

מכבוד קדושת

# אדמו״ר יוסף יצחק

זצוקללה״ה נבג״מ זי״ע

**שניאורסאהן**

מליובאַוויטש

יוצא לאור בפעם הראשונה

על ידי מערכת

**״אוצר החסידים״**

770 איסטערן פארקוויי ברוקלין, נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות ושמונים ושתים לבריאה

**Sichas**
**Shabbos Parshas Re'eh — 5692**

Copyright © 2022
by
**Kehot Publication Society**
770 Eastern Parkway / Brooklyn, New York 11213
(718) 774-4000 / FAX (718) 774-2718
editor@kehot.com

**Orders Department:**
291 Kingston Avenue / Brooklyn, New York 11213
(718) 778-0226 / FAX (718) 778-4148
www.kehot.com

All rights reserved.

The Kehot logo is a trademark of Merkos L'Inyonei Chinuch.

*Printed in the United States of America*

---

נסדר בדפוס „עמפייער פרעסס" ע"י יוסף יצחק בן ברכה שיחי'

**Empire Press,** 550 Empire Blvd., • Brooklyn, N.Y. 11225 • (718) 7561473

ב״ה.

# פתח דבר

לקראת יום ב׳ ניסן, יום ההילולא של כ״ק אדמו״ר מהורש״ב נ״ע ויום התחלת הנשיאות של כ״ק בנו אדמו״ר מהוריי״צ נ״ע, הננו מדפיסים בזה – בפעם הראשונה – את שיחת ש״פ ראה תרצ״ב (רשימת השומעים), שלא היתה תחת ידינו בעת הדפסת ספר השיחות תרצ״ב־תרצ״ה.

לתועלת הלומדים והמעיינים, ניתוספו בשולי הגליון, הערות, ציונים ומראה מקומות, נערכו ע״י הרה״ת ר׳ אהרן לייב שי׳ (בהרש״ב) ראַסקין.

**מערכת „אוצר החסידים״**

ערש״ק פ׳ החודש, ר״ח ניסן, ה׳תשפ״ב
ברוקלין, נ. י.

---

הערה כללית:

כשנזכר: כ״ק אדמו״ר שליט״א, או: רבינו – הכוונה לכ״ק אדמו״ר מהוריי״צ זצוקללה״ה נבג״מ זי״ע.

כשצויין לאגרות־קודש (סתם) – הכוונה לסדרת אגרות־קודש כ״ק אדמו״ר מהוריי״צ זצוקללה״ה נבג״מ זי״ע.

כשנזכר בהערה: כ״ק אדמו״ר – הכוונה לכ״ק אדמו״ר זצוקללה״ה נבג״מ זי״ע.

## ב״ה. רשימת דברים מה שאמר כ״ק אדמו״ר שליט״א בלודמיר[1] בשעת הקידוש בש״ק ראה תרצ״ב[2]

הנחה

א. חסידות איז ניט קיין התחדשות, לא כאלו האומרים אַז חסידות איז עפּעס אַ זאַך וואָס אי אפשר להבין[3], און עס שטערט צו נגלה, וממילא מאַכן זיי חסידות ווי אַ מפלגה בפ״ע[4]. מי מיינט ניט באַ חסידות פון חסידי חב״ד נאָר בכלל חסידים פון תורת הבעש״ט.

חסידות איז פנימיות המוח, און חסידים איז פנימיות הלב. בכלל ישראל ווערן אָנגערופן לב[5].

חסידות מאַכט ניט קיין נייעס, און טוט ניט אויף קיין התחדשות אויף נגלה. חסידות טראָגט נאָר אַריין דעם חיות אין דער זאַך.

די זעלבע הלכה וואָס מ׳לערנט דאָ למטה אַזוי לערנט מען למעלה[6]. דאָ למטה לערנט מען „שנים אוחזין בטלית זה אומר אני מצאתי׳ וזה אומר וכו׳"[7], דאָ איז דאָ אַ דיוק אין רש״י אוחזים בטלית – בציצתו[8]. אַז[וי] לערנט מען למעלה אויך. וואָרום דאָרטן לערנט מען אויך די זעלבע הלכה פון „שנים אוחזין" און

---

1) אודות ביקור רבינו בלודמיר – ראה „מבוא" לספר השיחות תרצ״ב־תרצ״ה ע׳ ט ואילך. את הביקור רשם רבינו ביומן מסע – נדפס ב„מבוא" שם ע׳ יג ואילך.

2) ברשימת היומן הנ״ל, אודות יום הש״ק פ׳ ראה בלודמיר:

„בשעה חצי האחד עשרה אנו הולכים להתפלל בשטיביל ליובאויטש הרחוקה ממקום מגורי בהילוך כרבע שעה.

הולכים מאות אנשים ומה שנעשה אחורי אינני יודע, אבל הרעש נשמע למרחוק.

בהשטיביל עשו לי חדר מיוחד להתפלל בו, ושם התפללתי ועליתי לתורה מפטיר, ואח״כ התפללתי לעצמי.

בשעה הרביעית יצאתי אל החסידים, קדשתי על יי״ג שהובא מוארשא מר׳ אברהם שי׳ וייס, ודברתי אל החסידים ואל האנשים העומדים אשר בתוכם קהל גדול של צעירים ועלטיקע יונגע לייט.

הנני משער כי היו כשש מאות איש כ״י ואפשר יותר, גם החלונות היו פתוחים ומסביב לביהכ״נ עמדו מאות אנשים ונשים ודברתי שיחה כזו שכולם הבינו.

הסברתי להם וואָס איז חסידות בכלל, ניט נאָר חסידות חב״ד, וואָס זאַיינען חסידים און וואָס זיינען חסידות־שע און ויא מיא דאַרף זעך אופפירין.

דברתי בערך ג׳ רבעי שעה והפסקה איזה מינוטין וחזרתי מאמר חסידות וכל בניך לימודי ד׳"*.

*) המאמר נדפס בסה״מ תרצ״ב ע׳ תג ואילך.

3) ראה גם אגרות־קודש ח״ג ע׳ שנא ואילך.

4) ראה גם ספר השיחות תרפ״ט ע׳ 72.

5) ראה זח״ג רכא, ריש ע״ב. כוזרי מאמר ב סימן לו. הובא ברמ״ז לזהר שם.

6) בהבא לקמן – ראה אגרות־קודש שם. סה״מ תרפ״ט ע׳ רכב ואילך. וש״נ.

7) משנה ריש מסכת ב״מ.

8) אַ דיוק אין רש״י . . בציצתו: ראה גם רבינו יהונתן מלוניל בשיטה מקובצת ב״מ ז, א. וראה מאירי ריש ב״מ.

„המחליף פרה״[9], נאָר דאָרטן לערנט מען זי באופן אחר, „טלית״ איז „פריסו דמלכא״[10], „שנים אוחזין בטלית״ מיינט מען אַז ב׳ אנשים אוחזים בבירור אחד[11].

אַז איינער טרעפט דעם צווייטן און פרעגט עם וואָס שטייסטו שוין דריי שעה און קוקסט אַהער און אַהין, גיי אַריין אין קראָם און נעם עפּעס לערנען, וואָרום מען קען דאָך אָפּשטיין דריי שעה און דער קונה קומט ניט אַריין אין קראָם. איז דאָך גלייכער זיצן אין קראָם און אַריין קוקן אין אַ מדרש תהלים וכדומה[12]. דער קונה וועט אַריין אין קראָם וועט ער יעמולט מפסיק זיין, דערווייַלע לערנט ער דאָך, און ער זאָגט דאָס מיט אַ אמת׳ען דברים היוצאים מן הלב נכנסים ללב[13], גייט ער אַריין אין קראָם און זעצט זיך לערנען, פּירט זיך דאָ אויס ב׳ ענינים: א׳) ער איז מקיים דעם ולא תתורו אחרי עיניכם[14], והב׳) אַ מצוה פון לימוד התורה, וואָס פון דעם ווערט אַ בירור.

איז למעלה קומען זיי מיט אַ טענה, דער זאָגט אַז דער ניצוץ געהערט צו מיר ווייל איך האָב גורם געווען די התעוררות הלב, וזה אומר אַז דער ניצוץ געהערט צו מיר ווייל איך בין געווען דער פועל הדבר.

איז אין דעם פאַראַן דער דין ומשפט למעלה.

און אָט דאָס איז דער ענין פון חסידות וואָס איז מגלה די פנימיות מכל דבר.

ב. על שלשה דברים העולם עומד[15]. און בכל דבר ודבר איז פאַראַן שלשה דברים: אין חסידות איז אויך פאַראַן שלשה דברים[16]. באַ ישראל איז אויך דאָ שלשה דברים: רבנים, שוחטים, מלמדים[17]. נוסף עליהם משפיעים.

דער קי[ום] וחיות אין קיום התורה והמצות בקהל עדת ישראל איז לפי אופן עיני העדה[18], וואָס די רבנים זיינען די

9) משנה ב״מ ק, רע״א. שם מז, א. וראה סה״מ שם ע׳ רכד. וש״נ.

10) ראה זח״ב צז, ב. תיקוני זהר תיקון ו (כב, סע״א). תיקון כא (רנה, ב). תו״א שמות נג, ד. לקו״ת שלח מז, ב. ועוד.

11) ראה גם אוה״ת מארז״ל וענינים ע׳ לה ואילך. סה״מ שם ע׳ רכה. וש״נ.

12) און אַריין קוקן אין אַ מדרש תהלים וכדומה: אוצ״ל: און אַריין קוקן אין אַ מדרש, זאָגן תהלים וכדומה.

13) ע״ד מאמר השגור – הובא בספר שירת ישראל לר׳ משה אבן עזרא (ירושלים, תשכ״ז) ע׳ קנו. ספר הישר לר״ת שער יג. הובא בשל״ה סט, א.

14) שלח טו, לט.

15) אבות פ״א מ״ב.

16) ראה גם שיחת שמח״ת תר״ץ (ספר השיחות תר״ץ ע׳ 110. לקו״ד ח״ב ע׳ תרה).

17) בספר השיחות תרפ״ט שבהערה הבאה: „אַ רב, אַ שוחט, אַ מלמד, דאָס איז דיא ג׳ עמודים וואָס בית ישראל נשען עליהם . . אַ רב, שוחט, מלמד, זיינען דאָך די ג׳ עמודי העולם״. ובהערת כ״ק אדמו״ר: [ג׳ עמודים] אולי אפ״ל: רב – תורה, קו האמצעי. שוחט – כנ״ל גבורה. מלמד – מביאו לחיי העוה״ב (ב״מ לג, א) – גמ״ח.

18) בהבא לקמן – ראה שיחת שמח״ת תרפ״ט (ספר השיחות תרפ״ט ע׳ 41 ואילך). שיחות י״ט כסלו (ליל א׳־ב) תרצ״א (ספר השיחות תרצ״א ס״ע 177 ואילך. ע׳ 188. לקו״ד ח״ד ע׳ א׳שעב. ע׳ א׳שפז). שיחת כ׳ אדר ב׳ שנה זו (ספר השיחות תרצ״ב ע׳ 38. לקו״ד ח״ב ע׳ תרצ). שיחת כ״ד סיון תרצ״ד (ספר השיחות תרצ״ד ע׳ 440. לקו״ד ח״ב ע׳ תשב).

ראשים, שוחטים זיינען דער לב. אַ שוחט איז ניט וואָס איש ומאכלת בידו[19], אַ שוחט איז ניט וואָס שנייט איבער דעם צואר ווי על פי התורה, אַ שוחט דאַרף מען קענען פון בלאַט גמרא און הגדלת והרבצת התורה. דער עם דאָס איז דער גוף.

ג. אַמאָל האָבן די בעה״ב געגאַנגען נאָכן ראש, ממילא האָט מען געקענט פועל זיין, איר בע״ב, איר חסידי [חב״ד], ווי אַזוי קען מען דורך גיין אין גאַס שבת פערביי אַ קראָם וואָס עס איז אָפען, און דאָס אַרט גאָר נישט, מ׳קען ניט זאָגן אַז עס אַרט נישט, נאָר ער גיט אַ קרעכץ, און זאָגט וואָס קען איך העלפן.

באמת מ׳קען און מ׳דאַרף מקרב זיין יעדערן אפי׳ אַזעלכער וואָס שטייט שוין מיטן פנים צום טייך, וואָס אָט פאַלט ער אַריין אין וואַסער, דאַרף מען עס אויסדרייען מיטן פנים צו זיך, נאָר דאָס אַלץ דאַרף זיין בדרך קירוב, וואָרום דער „ואהבת לרעך כמוך[20] איז אַ כלי צו „ואהבת[21] את הוי׳ אלקיך״[22]. דאָס וואָס מ׳טאָר ניט טאָר מען ניט, ניט נאָר גאָלן טאָר מען ניט, נאָר שערן טאָר מען אויך ניט[23].

פאַראַן אַ סאַך וואָס זיינען פאַרטרונקען געוואָרן פון דעם שטראָם פון די מים הזידונים[24], נאָר לעת מן העתים אַז ער גיט אַ קוק אויף זיין באָרד ווערט עס אַליין ניט גוט פון זיך, אין עם איז אויך דאָ גוטע האָפענונגען אַז ער דערמאָנט זיך פון זיין זיידנס און טאַטנס התנהגות.

ד. איך רעכן אַז די סיבת כל דבר איז פון די עמי הארצות, און בפרט אין דעם קאַנט וואָס מ׳לערנט ניט קיין הלכה. אַז די תפילין ליגן ניט במקומו קען ער זיין חלילה אַ קרקפתא[25] דלא מנח כו׳[26].

איך וועל זיך ניט שעמען צו זאָגן עס איז פאַראַן בעלי תורה ויר״ש וואָס [זיי] אַרט באמת אַ איסור קל, און קען חלילה נכשל ווערן אין אַ חילול שבת ונטילת ידים וכו׳ מהעדר לימוד הלכה.

ה. אין דברים קצרים בין איך באָ בבקשה פון אַייך חסידים, און איר חסידי חב״ד זאָלט זיין פון די ראשונים אין דער התחלה פון לימוד גמרא בעיון און אין הלכה און קביעת לימוד החסידות בכל יום, ובכלל זה שבת ויו״ט ובפרט חזרת חסידות בע״פ.

---

19) ראה ספר השיחות תרפ״ט שם. וש״נ.

20) קדושים יט, יח.

21) ואתחנן ו, ה.

22) ראה סה״מ תרצ״א ע׳ צד. אגרות־קודש ח״ג ע׳ תכו. ספר השיחות תרפ״ט ע׳ 56. קיץ ה׳ש״ת ע׳ 3.

23) ראה שו״ת צמח צדק יו״ד סימן צג. ספר השיחות תרפ״ט ע׳ 35. וש״נ. וראה גם שיחת י״ב־י״ג תמוז תרצ״א (ספר השיחות תרצ״א ע׳ 259. לקו״ד ח״ד ע׳ א׳תמז ואילך). שיחת ח״י אלול תש״א (ספר השיחות תש״א ע׳ 165. לקו״ד ח״ג ע׳ תשע).

24) לשון הכתוב – תהלים קכד, ה.

25) ראה ר״ה יז, א.

26) ראה גם שיחת כ׳ כסלו שנה זו (ספר השיחות תרצ״ב ע׳ 30 ואילך. לקו״ד ח״ד ע׳ א׳תצח).

**לעילוי נשמת**

הרה״ח הרה״ת ר׳ **מרדכי ליב** ע״ה

בן הרה״ח הרה״ת ר׳ **חיים דובער** ע״ה

**חן**

נפטר ז׳ ניסן ה׳תש״פ

**ת.נצ.ב.ה.**